








# "ועתה תנו תודה לה׳" (עזרא י׳ י״א)

## א איד איז מחויב צו דאנקען דעם באשעפער וואס גיבט אים לעבן!

**עס שטייט אין טור שולחן ערוך אורח חיים (סימן מ"ו) אז אין די צייט פון דוד המלך זענען ר"ל געשטארבען הונדערט מענטשן יעדן טאג. האט דוד המלך געמאכט א תקנה ביים אידישן פאלק אז יעדער איד זאל זאגן הונדערט ברכות יעדן טאג, און עס האט זיך אפגעשטעלט.**
**לייגן צו די ספרים הקדושים אז דאס זאגן ברכות ווי געהעריג מיט כוונה איז א סגולה קעגן מחלות ר"ל. בפרט די ברכה "אשר יצר" וואס חז"ל האבן מתקן געווען אלץ לויב צו הקב"ה וואס האט באשאפן אזוי וואונדערליך דעם קערפער פון מענטש – איז עס א וואונדערליכע סגולה צו פארמיידן פארשידענע קרענק ר"ל און עס ברענגט ישועות און רפואות בעז"ה.**
**די חכמים ז"ל זאגן: דער מענטש טאר נישט ארויסווארפן א ברכה פון זיין מויל! (ברכות מ"ז). דער משנה ברורה שרייבט וועגן דעם "ער זאל זאגן די ברכת אשר יצר לאנגזאם און מכוון זיין וואס ער זאגט."**
**אין שלחן ערוך (קצ"א ג') ווערט גע'פסק'נט: "מען טאר נישט טוהן קיין מלאכה ווען מען זאגט א ברכה. דער משנה ברורה דארט לייגט צו: אפילו א קלייניגקייט טאר מען נישט טוהן. פארוואס? ווייל עס זעהט אויס אז זיין ארבעט איז דער עיקר און די ברכה איז נאר א טפל. דעריבער איז די בעסטע וועג אז דער מענטש זאל ביים מאכן די ברכה: נישט ווישן די הענט, נישט גיין, נישט אנטוהן קיין בגד, נישט וואונקען מיט די הענט אדער מיט די אויגן – ווייל דאס אלעס ווייזט אז ער האט נישט אינזין די ברכה.**

**געוואלד! שטעל זיך אפ און נעם גוט אין אכט, די וואונדערליכע קערפער ווער האט עס געמאכט. קונצליך געפארעמט און ארבייט כסדר טאג און נאכט, אנערקען דעם באשעפער און לויב אים מיט פּראַכט.**
**ווי אין פסוק שטייט "מבשרי אחזה אלוה" איוב י"ט, כ"ו**




האלט גיב א טראכט און קאנצענטריר זיך!

גענצליך מיט כוונה אין די ווערטער



**און דאס אלעס – צוואנציג סעקונדעס!**

**ואתה בן אדם, און דו מענטש מעגסט וויסן אז דו שענקסט צוואנציג סעקונדעס צו זאגן א ברכה מיט כוונה! צום ביישפיל: זעקס מאל אין טאג נעמט עס צוזאמען צוויי מינוט א טאג אויסצודריקן דיין דאנקבארקייט צו הקב"ה!**

# בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר יָצַר אֶת הָאָדָם בְּחָכְמָה, וּבָרָא בוֹ נְקָבִים נְקָבִים, חֲלוּלִים חֲלוּלִים, גָּלוּי וְיָדוּעַ לִפְנֵי כִסֵּא כְבוֹדֶךָ שֶׁאִם יִפָּתֵחַ אֶחָד מֵהֶם אוֹ יִסָּתֵם אֶחָד מֵהֶם, אִי אֶפְשַׁר לְהִתְקַיֵּם וְלַעֲמֹד לְפָנֶיךָ אֲפִילוּ שָׁעָה אֶחָת. בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ רוֹפֵא כָל בָּשָׂר וּמַפְלִיא לַעֲשׂוֹת:

געלויבט ביזטו השי"ת, אונזער ג-ט, דער קעניג פון די וועלט – וואס האט געפארעמט דעם מענטש מיט א וואונדערבארע קלוגשאפט, און האט באשאפן אין אים גלידער וואס זענען לעכערדיג (ווי דאס מויל, נאז, אויער א.ד.ג.) און גלידער וואס זענען הויל אינוויייניג (ווי דער הארץ און די געדערים), עס איז אנפלעקט און באוואוסט פאר דיין כסא הכבוד אז ווען איינע פון די פארמאכטע־הוילע גלידער זאלן זיך עפענען, אדער איינע פון די אפענע־לעכערדיגע גלידער זאלן זיך פארשטאפן, וואלט דער מענטש נישט געקענט עקזעסטירן און שטיין פאר דיר אפילו איין קליינע צייט אויך נישט. געלויבט ביזטו השי"ת וואס היילט יעדן קערפער און מאכט וואונדערליכע זאכן. (ווייל דאס צוזאמענשטעל פון מענטש איז מיט א וואונדערליכע חכמה פון השי"ת).

